Zaśnij już, zaśnij na wieki,
Los cię żywcem pogrzebał
W Uzbekistanie dalekim.

Ich singe mir alleine ein Schlaflied:
“Schlafe, schlafe, du einsamer Mann,
Dein Schicksal hat dich begraben
Im fernen Usbekistan.”

Der Wind wiegt still dein Grab:
“Schlafe, Note, schlafe, ei-lu-lu.
Mit geschlossenen Augen
Wird heller und reiner die Ruh’.

Höre das Rauschen der wilden Kräuter,
Der wilden Blumen im Feld.
Und sei nicht zornig, dass dir dein Grab
Die Sterne verstellt.

Die Sterne, die Silber-Bastarde,
Haben Millionen getäuscht,
Die mit gläubigen Augen
Auf den Messias-ben-David gewartet haben.

Höre das Geschrei der Sperber,
Die über die Erde flattern
Mit scharfen, blutigen Schnäbeln.
Ihnen ist nichts verboten!

Sei also der Erde dankbar, die dich verbirgt
In ihrem tiefen, treuen Schoß –
Sie hat dir ein Grabmal aufgestellt:
Eine Sonnenblume und eine Rose.

Das Grabmal wird blühen und verwelken,
Und wird von Neuem aufblühen –
Der Oktober wird es auslöschen
Und der Mai wird es entzünden.

Und vielleicht wird es noch deinen Bruder
Auf seinen Wanderungen hierher verschlagen,
Und er wird hinlegen auf dein Grab
Deinen Traum – ein ewiges Lied.” (...)

Ich singe mir selbst das Schlaflied:
“Schlafe, schlafe, du einsamer Mann,
Dein Schicksal hat dich begraben
Im fernen Usbekistan.”

9

# Epitaf / Epitaph / Epitafium / Epitaph /

Anna Margolin /

# עפּיטאַף

אַננאַ מאַרגאָלין

Dertseyl es im: zi hot fargebn
Zikh nit gekent ir troyerik gemit,
Iz zi gegangen durkhn lebn
Mit zikh antshuldiknde trit.

Dertseyl, az zi hot bizn toyt
Geshitst getray mit hoyle hent
Dos fayer, vos iz ir geven fartroyt
Un in eygenem fayer gebrent.

Un vi in shoen fun ibermut
Hot zi mit got zikh shver gevert,
Vi tif gezungen hot dos blut,
Vi tsvergn hobn zi tseshtert.

דערצייל עס אים: זי האָט פֿאַרגעבן
זיך ניט געקענט איר טרויעריק געמיט,
איז זי געגאַנגען דורכן לעבן
מיט זיך אַנטשולדיקנדע טריט.

דערצייל, אַז זי האָט ביזן טויט
געשיצט געטריַ מיט הוילע הענט
דאָס פֿיַער, וואָס איז איר געווען פֿאַרטרויט
און אין אייגענעם פֿיַער געברענט.

און ווי אין שעהען פֿון איבערמוט
האָט זי מיט גאָט זיך שווער געווערט,
ווי טיף געזונגען האָט דאָס בלוט,
ווי צווערגן האָבן זי צעשטערט.

Tell him that she couldn't forgive
Herself her sadness,
She kept walking through the world
Apologizing with her every step.

Tell him that with her bare hands
She faithfully embraced
Fire, which was so dear to her
Until she burnt down in her own flame.

Go on talking about the euphoric time
When she struggled with God,
About blood that sang so loud in her veins,
And the dwarfs that destroyed her.

Powiedz mu, że nie wybaczy sobie
Smutku, co okrył twarz cieniem,
Oraz że wciąż przepraszała
Każdego za swe istnienie.

Powiedz, że w chwili ostatniej
Chroniła rękoma obiema
Ognia, co wszystkim był dla niej,
I że w tym ogniu spłonęła.

I że w porywie śmiałości
Zawzięcie z Bogiem walczyła,
Że krew jej śpiewała z radości,
A ludzka małość zniszczyła.

Erzähl' es ihm: Sie konnte sich nie vergeben
Ihr trauriges Gemüt,
Sie ging durch das Leben
Mit sich entschuldigenden Schritten.

Erzähle, dass sie bis zum Tod
Getreu beschützte mit bloßen Händen
Das Feuer, das ihr vertraut war,
Und dass sie selbst in jenem Feuer brannte.

Und wie sie sich in Stunden des Übermuts
Heftig gegen Gott gewehrt hat,
Wie tief in ihr das Blut gesungen hat,
Wie sie Zwerge zerstört haben.

# 10 Bay der libes-sude / At the Feast of Love / Na uczcie miłości / Beim Liebesfestmahl / David Kenigsberg /

# בײַ דער ליבעס־סעודה
## דוד קעניגסבערג

Bay der libes-sude vest
Du mayn harts dokh zayn tsuletst!
Orem vestu dortn zitsn
Fremd tsu di geputste gest.

Un dayn teyl vet men dir gebn,
Shlekhtn vayn un karge kest.
Vos-zhe hengstu on der libe
Mer vi ale hertser fest?

בײַ דער ליבעס־סעודה וועסט
דו מײַן האַרץ דאָך זײַן צולעצט!
אָרעם וועסטו דאָרטן זיצן
פֿרעמד צו די געפּוצטע געסט.

און דײַן טײל וועט מען דיר געבן,
שלעכטן ווײַן און קאַרגע קעסט.
וואָס־זשע הענגסטו אָן דער ליבע
מער ווי אַלע הערצער פֿעסט?

At the feast of love, my heart,
You will surely be at last.
Miserable, you'll be sitting there,
Alien, against the well-washed guys.

And you'll be given your part,
A modest treat, nasty wine,
Why are you still attached to love
More than any other heart?

Dadzą ci ostatnie miejsce,
Moje biedne serce!
Na uczcie miłości
Usiądziesz jak obcy
Wśród wytwornych gości.

Kwaśne wino i chleb suchy
To twój poczęstunek.
Taka więc zapłata
Za służbę miłości
Przez te wszystkie lata?

Beim Liebesfest wirst
Du, mein Herz, doch schließlich sein!
Arm wirst du dort sitzen,
Fremd den aufgeputzten Gästen.

Und dein Teil wird man dir geben:
Schlechten Wein und karge Kost.
Warum denn hängst du an der Liebe
Mehr als alle Herzen fest?

# 11

## Host mikh farlozn / You Have Left Me / Opuściłaś mnie / Hast mich verlassen /

Lajzer Ajchenrand /

Dayn shvaygn hilt mikh arum vi takhrikhim;
Host mikh farlozn bay toyern fun mitnakht.
Tseyl ikh oys di reges vi fintstere shlikhim,
Biz mayn keyver vet vern mit mir farmakht.

Vemen trogt itst dayn shmeykhl oyf di fligl?
Bist alts geven far mir: di kdushe, dos kind:
Fun alts bistu geven far mir der shpigl –
Velkher odem knit far dayn tayve atsind?

Mayn oyg iz itst nor a farloshene tfile;
Mayn benkshaft ligt gekraytsikt in blut –
Vi in beynertol vet nokhn toyt afile
Oyfshoydern mayn neshome fun dayn heyser glut.

Dayn naket layb ligt in ash fun mayn yugnt;
Mit gehenem-finger hostu getsundn mayn glust.
Emets zitst shive nokh mayn farloyrener tugnt
Un ikh otem nokh di shikres fun dayn brust.

Beys host mikh oyf der tsevigter freyd getrogn
Tsu di vareme reges fun der ershter mitnakht –
Hot damolt shoyn geotemt dos doyresdike klogn
Iber dayn samik-farshvigener, gufiker makht.

Du bist di sheynkeyt fun a kishefdikn kholem,
Vos lesht dem tifn tsar in undz oys;
Du bist oykh vi der toyt, ven er git sholem,
Un lozt undzer hant shoyn mer nit aroys.

Ale dayne in der nakht ongetsundene blikn
Brenen in mayne odern vi mitnakht-vayn;
Eybik, vi an odler oyf di vintike brikn,
Vel ikh dikh zukhn un keynmol nit tsu dir dergeyn.

## האָסט מיך פֿאַרלאָזן

לײזער אײכענראַנד

דײַן שווײַגן הילט מיך אַרום ווי תּכריכים;
האָסט מיך פֿאַרלאָזן בײַ טויערן פֿון מיטנאַכט.
צײל איך אויס די רגעס ווי פֿינצטערע שליחים,
ביז מײַן קבֿר וועט ווערן מיט מיר פֿאַרמאַכט.

וועמען טראָגט איצט דײַן שמייכל אויף די פֿליגל?
ביסט אַלץ געווען פֿאַר מיר: די קדושה, דאָס קינד:
פֿון אַלץ ביסטו געווען פֿאַר מיר דער שפּיגל –
וועלכער אדם קניט פֿאַר דײַן תּאווה אַצינד?

מײַן אויג איז איצט נאָר אַ פֿאַרלאָשענע תּפֿילה;
מײַן בענקשאַפֿט ליגט געקרײַציקט אין בלוט –
ווי אין בײנערטאָל וועט נאָכן טויט אַפֿילו
אויפֿשוידערן מײַן נשמה פֿון דײַן הייסער גלוט.

דײַן נאַקעט לײַב ליגט אין אַש פֿון מײַן יוגנט;
מיט גיהנום־פֿינגער האָסטו געצונדן מײַן גלוסט.
עמעץ זיצט שבֿעה נאָך מײַן פֿאַרלוירענער טוגנט
און איך אָטעם נאָך די שיכּרות פֿון דײַן ברוסט.

בעת האָסט מיך אויף דער צעוויגטער פֿרייד געטראָגן
צו די וואַרעמע רגעס פֿון דער ערשטער מיטנאַכט –
האָט דאַמאָלט שוין געאָטעמט דאָס דורותדיקע קלאָגן
איבער דײַן סמיק־פֿאַרשוויגענער, גופֿיקער מאַכט.

דו ביסט די שיינקייט פֿון אַ כּישופֿדיקן חלום,
וואָס לעשט דעם טיפֿן צער אין אונדז אויס;
דו ביסט אויך ווי דער טויט, ווען ער גיט שלום,
און לאָזט אונדזער האַנט שוין מער ניט אַרויס.

אַלע דײַנע אין דער נאַכט אָנגעצונדענע בליקן
ברענען אין מײַנע אָדערן ווי מיטנאַכט־ווײַן;
אייביק, ווי אַן אָדלער אויף די ווינטיקע בריקן,
וועל איך דיך זוכן און קיינמאָל ניט צו דיר דערגיין.

Your silence wraps me up like a shroud;
At the gate of midnight you have left me.
I count eye blinks like sinister heralds
Until my grave is occupied by me.

Who's now carried on the wings of your smile?
You were everything to me: a lover and a child,
Like a crystal mirror you reflected my dreams.
Which Adam now kneels in front of your zeal?

Now my eye is only an extinguished prayer;
And my yearning lies crucified in blood –
Like in a funeral urn after death,
My soul still quivers craving for your love.

Your naked body lies in the ashes of my youth,
With hellish fingers you have kindled my lust.
Someone sits mournful by my faded virtue,
And I still breathe the ecstasy of this night.

When you elated me with swaying joy
Till frantic moments of early midnight -
Already then generation's lament moaned
Over your toxic dumb bodily might.

You're the beauty of a marvelous dream,
Which soothes the burning pain in us;
You're also like death when it brings peace,
And will never loosen its iron grasp.

All your fervent glances in moonlight sheen
Still burn in my veins like midnight wine;
Eternally, like an eagle on bridges of the wind,
I will search around for you and will never find.

Opuściłaś mnie w bramach nocy,
Spowijasz całunem milczenia.
Liczę minuty jak posłów mroku
Zanim przykryje mnie ziemia.

Kogo dziś uskrzydla twój wspaniały uśmiech?
Byłaś dla mnie wszystkim: i dzieckiem, i żoną,
A co najważniejsze - byłaś moim lustrem.
Jaki Adam wielbi dziś namiętność twoją?

Moje oko jest modlitwą zgasłą,
Ma tęsknota do krzyża przybita.
Jak na dnie doliny kości świecą jasno,
Tak ma dusza świeci żarem twoim syta.

Leżysz naga w prochach mej młodości,
Diabelskimi dłońmi żądze rozpaliłaś.
Ktoś dziś jest w żałobie po mojej czystości,
A ja z twoich piersi gorzką rozkosz spijam.

Nawet wówczas, gdy mnie niosła szczęścia łódka
Ku gorącej chwili o północy,
Głos pokoleń szeptał mi do ucha
O trującej ciała twego mocy.

Jesteś dla nas pięknym snem wśród mroków,
Snem, co ból najgłębszy uśpi.
Jesteś śmiercią przynoszącą spokój,
Która z rąk nas nie wypuści.

Każde z twych ognistych spojrzeń
Płonie niczym nocne wino w żyłach.
Wiem, że nigdy do ciebie nie dotrę,
Ale zawsze będę ciebie poszukiwał.

Dein Schweigen umhüllt mich wie ein Totenhemd;
Hast mich verlassen bei den Toren der Mitternacht.
Ich zähle die Momente wie finstere Boten,
Bis sich das Grab über mir schließt.

Wen trägt jetzt dein Lächeln auf den Flügeln?
Bist alles gewesen für mich: die Heiligkeit, das Kind:
Von Allem bist du für mich der Spiegel gewesen –
Welcher Mensch kniet jetzt vor deiner Wollust?

Mein Auge ist nur mehr ein verloschenes Gebet;
Meine Sehnsucht liegt gekreuzigt in Blut –
Wie im Knochental wird sogar nach dem Tod
Meine Seele aufschaudern von deiner heißen Glut.

Dein nackter Leib liegt in der Asche meiner Jugend;
Mit Höllen-Fingern hast du meine Lust entzündet.
Jemand hält Totenwacht um meine verlorene Tugend,
Und ich atme noch die Trunkenheit von deiner Brust.

Während du mich auf wiegender Freude getragen hast
Zu den warmen Augenblicken der ersten Mitternacht –
Hat damals schon geatmet das uralte Klagen
Über deine giftig-verschwiegene, fleischige Macht.

Du bist die Schönheit eines Zaubertraums,
Der den tiefen Schmerz in uns auslöscht;
Du bist auch wie der Tod, wenn er den Friedensgruß entbietet –
Und unsere Hand nicht mehr loslässt.

Alle deine in der Nacht aufflammenden Blicke
Brennen in meinen Adern wie Mitternachts-Wein;
Ewig wie ein Adler auf den windigen Brücken,
Werde ich dich suchen und dich niemals erreichen.

# 12

## Bahalt mikh in a blat / Hide Me in a Leaf / Ukryj mnie w liściu / Verbirg mich in einem Blatt /

Kadia Molodowsky /

## יב באַהאַלט מיך אין אַ בלאַט

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

Bahalt mikh in a blat,
Bahalt mikh in a shteyn,
Zeyer zikhere ru ikh bin zey mekane.
Bahalt mikh, got,
In dayn shuts un baheltenish
Un tsam mikh arum mit dayne tsamen.

Heyb mikh aroys fun der shtoybikeyt.
Der shtoyb makht mikh groyen.
Nem mikh arum mit dayn eybikeyt
Vi a blat un a shteyn –
Dernerte mit toyen.

Makh a veg mir fun shtendikeyt,
Mayn harts iz farshotnt.
Zalb mikh op mit dayn blendikeyt
Vos ikh fil in mayn otem.

Vash op dem tsiter fun mir.
Vash op dem tsveyfl.
Di nekht zaynen fargeyikeyt
Un di teg zaynen veyful.

Mayn vort farlirt di shtim
In dem kholel dem harbn.
Shik dayn hilf, elohim,
Az mayn koyl zol nisht shtarbn.
Vayl ikh fal,
Vayl ikh fal
In dem kholel dem harbn.

Un fargib mir di tfile,
Aza tsebrokhene
Vi mit baytshn geshlogn.
Men shlogt mikh un mayn tfile,
Undz beydn tsuzamen.
Tsam mikh arum mit dayn shtralikeyt
Un zay du – mayne tsamen.

באַהאַלט מיך אין אַ בלאַט,
באַהאַלט מיך אין אַ שטיין,
זייער זיכערע רו איך בין זיי מקנא.
באַהאַלט מיך, גאָט,
אין דיַין שוץ און באַהעלטעניש

און צאַם מיך אַרום מיט דיַינע צאַמען.
הייב מיך אַרויס פֿון דער שטויביקייט.
דער שטויב מאַכט מיך גרויען.
נעם מיך אַרום מיט דיַין אייביקייט
ווי אַ בלאַט און אַ שטיין –
דערנערטע מיט טויען.

מאַך אַ וועג מיר פֿון שטענדיקייט,
מיַין האַרץ איז פֿאַרשאָטנט.
זאַלב מיך אָפּ מיט דיַין בלענדיקייט
וואָס איך פֿיל אין מיַין אָטעם.

וואַש אָפּ דעם ציטער פֿון מיר.
וואַש אָפּ דעם צווייפֿל.
די נעכט זיַינען פֿאַרגייאיקייט
און די טעג זיַינען ווייפֿול.

מיַין וואָרט פֿאַרלירט די שטים
אין דעם חלל דעם האַרבן.
שיק דיַין הילף, אלהים,
אַז מיַין קול זאָל נישט שטאַרבן.
וויַיל איך פֿאַל,
וויַיל איך פֿאַל
אין דעם חלל דעם האַרבן.

און פֿאַרגיב מיר די תּפֿילה
אַזאַ צעבראָכענע
ווי מיט בייַטשן געשלאָגן.
מען שלאָגט מיך און מיַין תּפֿילה,
אונדז ביידן צוזאַמען.
צאַם מיך אַרום מיט דיַין שטראַליקייט
און זיַי דו – מיַינע צאַמען.

Hide me in a leaf,
Hide me in a stone,
I envy their secure peace.
God, hold me
Under your shield,
And build a fence around me.

Dig me out of dust,
Which makes me gray.
May your eternity embrace me
Like a leaf and a stone,
Savoring dew with relish.

Let me always walk your ways,
My heart stifles in the shade.
Let your light, like balm,
Fill my breath.

Wash the shiver off my back.
Wash the doubt.
Nights mean passing away
And days are full of pain.

My voice loses strength
In bitter emptiness.
God, I beg your help
To save my voice from death.
Because I fall,
Because I fall
Into bitter void.

And forgive me this prayer,
Somewhat cracked
As if beaten by whips.
They beat me and my prayer,
Both of us - so harshly.
Surround me with your radiance
And be my fence.

Ukryj mnie w liściu,
Ukryj w kamieniu,
Łaknę ich spokoju codziennego.
Ukryj mnie w swym schronie,
Umieść w swej kryjówce, Boże,
Zamknij w kole muru obronnego.

Zmyj z mojego ciała
Proch i pyły szare.
Obmyj swym istnieniem,
Jak obmywasz rosą
Liście i kamienie.

Otwórz mi swą bramę,
Choć me serce zgasło.
Czuję na języku
Balsam Twego blasku.

Ulecz z zimnych dreszczy.
Oczyść ze zwątpienia.
Noc to przemijanie,
Dzień to czas cierpienia.

Mój głos traci siłę
W tej gorzkiej otchłani.
Wesprzyj mnie, mój Boże,
By całkiem nie zamilkł.
Ponieważ upadam,
Ponieważ upadam
W głąb gorzkiej otchłani.

Wybacz mi modlitwę
Szorstką, urywaną,
Jak biczem smaganą.
Mnie i me modlitwy
Bicz cierpienia ćwiczy.
Wpisz mnie w jasny okrąg światła Twego
Otocz zwartym kołem muru obronnego.

Verbirg mich in einem Blatt,
Verbirg mich in einem Stein;
Ich beneide sie um ihre sichere Ruhe.
Verbirg mich, Gott,
In deinem Schutz und Versteck
Und umzäune mich mit deinen Zäunen.

Hebe mich aus der Verstaubtheit.
Der Staub lässt mich ergrauen.
Umfasse mich mit deiner Ewigkeit
Wie ein Blatt und ein Stein –
Genährt vom Tau.

Bereite mir einen Weg der Ständigkeit,
Mein Herz ist umschattet.
Salbe mich mit deinem Glanz,
Den ich in meinem Atem spüre.

Wasche das Zittern ab von mir,
Wasche ab den Zweifel.
Die Nächte sind Vergänglichkeit
Und die Tage sind von Schmerz erfüllt.

Mein Wort verliert die Stimme
In dem rauen Weltenraum.
Schicke deine Hilfe, Elohim,
Auf dass meine Stimme nicht stirbt.
Denn ich falle,
Denn ich falle
In den Weltenraum, den rauen.

Und vergib mir das Gebet,
Das so zerbrochene,
Wie mit Peitschen geschlagene.
Man schlägt mich und mein Gebet,
Uns beide zusammen.
Umzäune mich mit deiner Strahlenpracht,
Und sei du – meine Umzäunung

# 13 יג Got hot farbahaltn zayn ponem / God Covered His Face / Bóg zasłonił swoją twarz / Gott hat sein Gesicht verborgen / גאָט האָט פֿאַרבאַהאַלטן זײַן פּנים

Rajzel Zychlinsky / רײַזל זשיכלינסקי

Ale vegn hobn gefirt tsum toyt,
Ale vegn.
Ale vintn hobn geotemt mit farrat,
Ale vintn.
Oyf ale shveln hobn gebilt beyze hint,
Oyf ale shveln.
Ale vasern hobn undz oysgelakht,
Ale vasern.
Ale nekht zaynen fet gevorn fun undzer shrek,
Ale nekht.
Un di himlen zaynen geven naket un leydik,
Ale himlen.
Got hot farbahaltn zayn ponem.

אַלע וועגן האָבן געפֿירט צום טויט,
אַלע וועגן.
אַלע ווינטן האָבן געאָטעמט מיט פֿאַרראַט,
אַלע ווינטן.
אויף אַלע שוועלן האָבן געבילט בייזע הינט,
אויף אַלע שוועלן.
אַלע וואַסערן האָבן אונדז אויסגעלאַכט,
אַלע וואַסערן.
אַלע נעכט זײַנען פֿעט געוואָרן פֿון אונדזער שרעק,
אַלע נעכט.
און די הימלען זײַנען געווען נאַקעט און ליידיק,
אַלע הימלען.
גאָט האָט פֿאַרבאַהאַלטן זײַן פּנים.

All the ways led to death,
All the ways.
All the winds breathed treachery,
All the winds.
Savage dogs bayed on all thresholds,
On all thresholds.
All the waters laughed at us,
All the waters.
All the nights became stuffed with our fright,
All the nights.
And the heavens became bare and empty.
All the heavens.
God covered his face.

Wszystkie drogi prowadziły w śmierć,
Wszystkie drogi.
Wszystkie wiatry niosły z sobą odór zdrady,
Wszystkie wiatry.
Na wszystkich progach wściekle ujadały psy,
Na wszystkich progach.
Wszystkie wody ciemną tonią drwiły z nas,
Wszystkie wody
Wszystkie noce tuczyły się naszym strachem,
Wszystkie noce.
A niebiosa stały się pustynią nagą,
Wszystkie niebiosa.
Bóg zasłonił swoją twarz.

Alle Wege führten zum Tod,
Alle Wege.
Alle Winde atmeten Verrat,
Alle Winde.
Auf allen Schwellen bellten wütende Hunde,
Auf allen Schwellen.
Alle Gewässer haben uns ausgelacht,
Alle Gewässer.
Alle Nächte wurden fett von unserem Schrecken,
Alle Nächte.
Und die Himmel waren nackt und leer,
Alle Himmel.
Gott hat sein Gesicht verborgen.

14

## Undzer gloybn / Our Faith / Nasza wiara / Unser Glaube /

Abraham Sutzkever /

Undzer gloybn iz a sheyme durkhgebloyt fun altkeyt
Vu antblite psukim firn shlakhtn mitn sheker.
Vu an oysgeribn vort iz makhtiker antpleker.
Brunemdike tunklenish – eyn-sofike tseshtraltkeyt.

Undzer gvure iz a toyb in nest fun a poroykhes.
Kh'hob ir nokhgeflatert iber toyter shtot un shtetl
Un gezen: in piskele dos lebedike bletl
Nemt bafrilingn tsurik di opgebrente koykhes.

Undzer benkshaft iz a hayfl proste erd, fun vanen
S'himlt a tanakhn-boym baringlt mit midboryes.
Un lehakhes ale umglik-zikhere teoryes –
Tsien zikh ahin tsu karavanen, karavanen.

## אונדזער גלויבן

אַבֿרהם סוצקעווער

אונדזער גלויבן איז אַ שײמע דורכגעבלויט פֿון אַלטקייט
ווּ אַנטבליטע פּסוקים פֿירן שלאַכטן מיטן שקר.
ווּ אַן אויסגעריבן וואָרט איז מאַכטיקער אַנטפּלעקער.
ברונעמדיקע טונקלעניש – אין־סופֿיקע צעשטראַלטקייט.

אונדזער גבֿורה איז אַ טויב אין נעסט פֿון אַ פּרוכת.
כ'האָב איר נאָכגעפֿלאַטערט איבער טויטער שטאָט און שטעטל
און געזען: אין פּיסקעלע דאָס לעבעדיקע בלעטל
נעמט באַפֿרילינגן צוריק די אָפּגעברענטע כּוחות.

אונדזער בענקשאַפֿט איז אַ הײַפֿל פּראָסטע ערד, פֿון וואַנען
ס'הימלט אַ תּנכן־בוים באַרינגלט מיט מידבריות.
און להכעיס אַלע אומגליק־זיכערע טעאָריעס –
ציִען זיך אַהין צו קאַראַוואַנען, קאַראַוואַנען.

Our faith is a page torn from a yellowish Holy Book
Where full-blown Bible verses wage battles against lies.
Where a worn-out word is an imperious ruler,
And the black bottom of the well – unending sunlight.

Our might is like a dove entangled in a parochet.
I followed it in its flight over dead towns and villages,
And I saw a living green leaf in its beak,
Heralding the coming spring of burnt-out strength.

Our yearning is a handful of plain earth, from which
Our bible, like a tree rose, amidst an arid desert.
And against all unquestionable tenets -
Caravans keep drawing to quench thirst here.

Nasza wiara jest jak z ksiąg pożółkłych oderwane strony,
Gdzie bezsilne wersy z kłamstwem toczą wojny.
Tutaj gminne słowo władcą jest dostojnym,
A mrok na dnie studni to blask nieskończony.

Nasza moc to gołąb w parochet wplątany.
Lecieliśmy razem nad umarłym globem,
On zielony listek trzymał w swoim dziobie,
Zwiastujący wiosnę siłom wyczerpanym.

Zwykła gartska ziemi jest tęsknotą naszą,
Z niej wyrosła Biblia na środku pustyni.
I na przekór wróżbom mędrców nieomylnych
Karawany nadal tu pragnienie gaszą.

---

Unser Glaube ist ein aus einem heiligen Buch gerissenes Blatt,
durch und durch vor Alter blau,
Wo erblühte Bibelverse Schlachten mit der Lüge führen.
Wo ein herausgeschabtes Wort ein mächtiger Entdecker ist.
Brunnenhafte Dunkelheit – unendlichkeitserfüllendes Strahlen.

Unsere Stärke ist eine Taube im Nest eines Thoraschreinvorhanges.
Ich flatterte ihr nach über tote Städte und Städtchen hin
Und sah: Im Schnäbelchen beginnt das lebende Blättchen
Wieder die niedergebrannten Kräfte zu befrühlingen.

Unsere Sehnsucht ist ein Haufen einfache Erde, aus der
Ein Thanach-Baum in den Himmel strebt, von Wüsten umringelt.
Und allen unglücksicheren Theorien zum Trotz
Ziehen Karawanen dorthin, Karawanen.

## 15 Zol di harfe got loybn / Praise the Lord / Grajmy Panu / Möge die Harfe Gott loben /

Agnieszka Osiecka; Yiddish: Edward Kisler /

## ט״ו זאָל די האַרפֿע גאָט לויבן

אַגניעשקאַ אָסיעצקאַ

A dank dir, mayn got, far der velt,
A dank dir, mayn got, far vilder khayes kol,
A dank dir blien blum un feld,
Kumt oyf a mentsh tsum lebn yedes mol.

Zol di harfe got loybn,
Zol di tsitre im shpiln,
Zayne nisim hanisim,
Loybt mit lider un tents im.

Lomir shpiln in himlen,
Lomir loybn in toln,
Mit zayn likht oyfn ponim
Kumt men min ha shomayim.

Oy, yoy, s'iz fun freyd a trer, oy, yoy,
Ay, yay, a dank far dem may, ay, yay.

Du, vos bashiremst oreme hayzlekh fun shnekn,
Di shtoltse berg fun tsvey amerikes.
Du, vos forshst geheyme vegn fun foyglen
Un undzer yomer, geshrey un ziftsn.
A dank far di geshenkte tsayt,
A dank dir, vos du shitst undz fun der vayt.

אַ דאַנק דיר, מײַן גאָט, פֿאַר דער וועלט,
אַ דאַנק דיר, מײַן גאָט, פֿאַר ווילדער חיות קול,
אַ דאַנק דיר בליען בלום און פֿעלד,
קומט אויף אַ מענטש צום לעבן יעדעס מאָל.

זאָל די האַרפֿע גאָט לויבן,
זאָל די ציטרע אים שפּילן,
זײַנע נסים הנסים,
לויבט מיט לידער און טענץ אים.

לאָמיר שפּילן אין הימלען,
לאָמיר לויבן אין טאָלן,
מיט זײַן ליכט אויפֿן פּנים
קומט מען מן השמים.

אוי, יוי, ס'איז פֿון פֿרייד אַ טרער, אוי, יוי,
אײַ, יײַ, אַ דאַנק פֿאַר דעם מײַ, אײַ, יײַ.

דו, וואָס באַשירעמסט אָרעמע הײַזלעך פֿון שנעקן,
די שטאָלצע בערג פֿון צוויי אַמעריקעס.
דו, וואָס פֿאָרשט געהיימע וועגן פֿון פֿויגלען
און אונדזער יאָמער, געשריי און זיפֿצן.
אַ דאַנק פֿאַר די געשענקטע צײַט,
אַ דאַנק דיר, וואָס דו שיצט אונדז פֿון דער ווײַט.

Thank You Lord for this world,
Thank You for the wild animals' chant,
Thanks to You gardens are in blossom,
A man is born, a nestling and a lion.

Let's play the harp to Our Lord,
Let's play Our Lord the zither;
Let's praise in our dance and song
These fantastic miracles.

Let's play Our Lord high up there,
Let's play Our Lord in ravines,
With His light on their hair,
Everyone's life begins.

Oh, oh, it's a sob of joy.
Ah, ah, thanksgiving for Maytime.

You, who protect the poor snails' shells,
And the high mountains of both Americas,
You, who follow secret routes of birds,
And our moans and whispers and cries -
Thank You for giving us time,
Thank You for hearing and watching us.

Dzięki Ci, Panie, za ten świat,
Dzięki Ci, Panie, za dzikich zwierząt śpiew,
Za Twoja sprawą kwitnie kwiat
I rodzi się człowiek, pisklę i lew.

Grajmy Panu na harfie,
Grajmy Panu na cytrze,
Chwalmy śpiewem i tańcem
Cuda te fantastyczne...

Grajmy Panu w niebiosach,
Grajmy Panu w dolinach,
Z Jego światłem we włosach
Każdy życie zaczyna.

Och, och, to radości szloch,
Ajaj – dziękczynienia maj.

Ty, który chronisz domki ślimaków
I wielkie góry obu Ameryk,
Ty, który śledzisz tajne drogi ptaków
I jęki nasze, krzyki i szmery,
Dzięki Ci, że dałeś nam czas,
Dzięki, że słyszysz i oglądasz nas.

Ein Dank dir, mein Gott, für die Welt,
Ein Dank dir, mein Gott, für die Stimme wilder Tiere.
Dank dir blühen Blumen und Feld
Und erwacht wieder ein Mensch zum Leben.

Möge die Harfe Gott loben,
Möge die Zither ihm spielen,
Seine großen Wunder
Lobt mit Liedern und Tänzen.

Lasst uns in den Himmeln spielen,
Lasst uns in den Tälern lobpreisen,
Mit seinem Licht auf dem Antlitz
Steigen wir vom Himmel herab.

Oj-joj, man weint vor Freude, oj-joj,
Aj-jaj, danke für den Mai, aj-jaj.

Du, der du die armen Häuser der Schnecken beschützt,
Die stolzen Berge der beiden Amerikas;
Du, der du die geheimen Wege der Vögel kennst
Und unser Klagen, Geschrei und Seufzen –
Danke für die geschenkte Zeit,
Einen Dank dir, dass du uns aus der Ferne beschützt.

16

## Aheym / Back Home / Z powrotem do domu / Nach Haus ′ / Moyshe-Leyb Halpern /

Iz mir shver azoy tsu lebn,
Vel ikh geyn tsurik aheym.
Un zikh oyfshteln a shtibl
Bloyz fun breter un fun leym.

Un zikh toyvlen geyn dort vel ikh
Farn davnen, ale tog
Un in miskher, vi mayn zeyde,
Vel ikh hitn mos un vog.

Mit dem oreman oykh vel ikh
Altsding teyln, vos ikh hob
Un derbay oykh vel ikh trakhtn:
Nishtik iz dem mentshns gob.

Un tsu khtsos vel ikh oyfshteyn,
Bay dem ershtn krey fun hon,
Un fargebn vel ikh yedn
Ver es hot mir shlekhts geton.

Gut zayn vel ikh tsu mayn soyne
Vi a tate tsu zayn kind –
Efsher vet dos mayn neshome
Laytern fun shlekhts un zind.

Efsher vet durkh dem der fridn
Kumen iber mir aleyn
Un mayn zeyde oykh vet ruen
Unter zayn matseyve-shteyn.

ט״ז

## אַהיים
### משה לייב האַלפּערן

איז מיר שווער אַזוי צו לעבן,
וועל איך גיין צוריק אַהיים.
און זיך אויפֿשטעלן אַ שטיבל
בלויז פֿון ברעטער און פֿון ליים.

און זיך טובֿלען גיין דאָרט וועל איך
פֿאַרן דאַוונען, אַלע טאָג
און אין מיסחר, ווי מײַן זיידע,
וועל איך היטן מאָס און וואָג.

מיט דעם אָרעמאַן אויך וועל איך
אַלצדינג טיילן, וואָס איך האָב
און דערבײַ אויך וועל איך טראַכטן:
נישטיק איז דעם מענטשנס גאָב.

און צו חצות וועל איך אויפֿשטיין,
בײַ דעם ערשטן קריי פֿון האָן,
און פֿאַרגעבן וועל איך יעדן
ווער עס האָט מיר שלעכטס געטאָן.

גוט זײַן וועל איך צו מײַן שׂונא
ווי אַ טאַטע צו זײַן קינד –
אפֿשר וועט דאָס מײַן נשמה
לײַטערן פֿון שלעכטס און זינד.

אפֿשר וועט דורך דעם דער פֿרידן
קומען איבער מיר אַליין
און מײַן זיידע אויך וועט רוען
אונטער זײַן מצבֿה־שטיין.

It's so hard to live like that,
I do want to go back home:
I'll put up a tiny shed
Made of timber and clay.

And I'll wash myself there
Before prayers, every day,
And in trade, like my granddad,
I'll stick to measures and weights.

I will also gladly share
With the poor all I possess,
And at the same time I will think:
What a man has means nothing.

And I'll rise for the midnight prayer
When I've heard the first rooster,
And I'll forgive everyone
Who's viciously done me harm.

I'll be kind to my enemies
Just like a father to his kids –
Perhaps in this way my soul
Will be purged of sins and wrong.

Perhaps, through all this, peace
Shall finally come to me,
And my grandpa will repose
In calm under his tombstone.

Nie mogę już żyć tak dłużej,
Chcę iść z powrotem do domu
I skromną chatkę  postawić
Z gliny i desek klonu.

I będę się tam obmywać
Do modlitw każdego dnia,
A w handlu tak jak mój dziadek
Przestrzegać miar oraz wag.

Z biednymi się też podzielę
Tym wszystkim, co do mnie należy,
Rozdając rzeczy, zrozumiem,
Że na nich mi już nie zależy.

Wstanę do nocnej modlitwy
Wraz z pierwszym pianiem koguta,
Me serce wybaczy każdemu,
Kto skrzywdził mnie lub oszukał.

Dla wrogów dobry się stanę
Jak ojciec dla swoich dzieci -
W ten sposób duszę oczyszczę
Z grzechów niczym ze śmieci.

I wówczas być może pokój
Przyjdzie też do mnie samego
I spłynie pod kamień macewy
Na mego dziadka zmarłego.

So zu leben ist mir schwer,
Werde ich wieder nach Hause zurückgehen
Und mir eine Hütte errichten –
Bloß aus Brettern und aus Lehm.

Und ein Tauchbad nehmen werde ich dort
Jeden Tag vor dem Beten.
Und im Handel werde ich wie mein Großvater
Genau auf Maß und Gewicht acht geben.

Auch werde ich mit dem Armen
Alles teilen, was ich habe,
Und dabei werde ich auch denken:
Wie nichtig ist des Menschen Gabe.

Und zum Mitternachtsgebet werde ich mich erheben,
Beim ersten Hahnenschrei,
Und jedem werde ich vergeben,
Der mir Böses getan hat.

Gut sein werde ich zu meinem Feind
Wie ein Vater zu seinem Kind –
Vielleicht wird das meine Seele
Vom Bösen und von Sünde läutern.

Vielleicht wird dadurch der Friede
Über mich selbst kommen
Und auch mein Großvater Ruhe finden
Unter seinem Grabstein.